**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 32 מיליאן דאלאר צו פארגרעסערן ארבעטסקראפט צו שטיצן ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס**

***אינוועסטירונג ערמעגליכט SUNY און OPWDD צו אויסברייטערן 'מייקראָו-קרעדענטשעל" פראגראמען זיך צו לערנען צו זיין א פראפעסיאנאל וואס שטעלט צו דירעקטע שטיצע פאר פאציענטן ביי נאך קאמפוסן ביז 2030***

***פראגראם אויסברייטערונג וועט העלפן בילדן 6,000 סטודענטן און פארגרעסערן די דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן ארבעטסקראפט צו שטיצן ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 32 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אויסברייטערן דעם פראגראם פאר פראפעסיאנאלן וואס שטעלן צו דירעקטע שטיצע וואס גיבט א 'מייקראָו-קרעדענטשעל" סערטיפיקאציע וואס ווערט געאפפערט דורך די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) בשותפות מיט די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD). די פינאנצירונג וועט ערלויבן SUNY צו אויסברייטערן דעם פראגראם אויף קאמפוסן וואו עס עקזיסטירט שוין יעצט און צו צולייגן פראגראמען ביי נאך קאמפוסן צו העלפן פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן אין ניו יארק סטעיט און שטיצן ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. SUNY רישט זיך צו שטיצן ביז אזויפיל ווי 6,000 סטודענטן ביז 2030 דורך די אויסברייטערונג.

"יעדן טאג טוהען דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן ארויסהעלפן ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו בליהען אין זייערע טאג-טעגליכע לעבנס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די 32 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג, טוהען מיר העלפן מאכן די קריטישע פעלד וואקסן און זיכער מאכן אז סטודענטן האבן די טרענירונג וואס זיי דארפן זיך צו קענען פאראויס רוקן אין די קריטישע קאריערע און זיך אפגעבן מיט אנדערע ניו יארקער."

אין פעברואר פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז די OPWDD האט געשאנקען 5 מיליאן דאלאר פאר SUNY צו פארבעסערן די סקילס דורך 'מייקראָו-קרעדענטשעלס' פאר מענטשן וואס זענען יעצט שוין חלק פון די ארבעטסקראפט פון פראפעסיאנאלן וואס שטעלן צו דירעקטע שטיצע ( Direct Support Professional, DSP) פאר פאציענטן, ערמעגליכנדיג די דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן צו באקומען נאציאנאלע סערטיפיקאציע און קאלעדזש קרעדיט צו קענען שפעטער באקומען א סערטפיקאט, אסאָסיעט אדער בעטעשעלאר'ס דעגרי. אנהויב דאס יאר האט ניו יארק סטעיט אינוועסטירט נאך 20 מיליאן דאלאר אין דעם פראגראם.

די היינטיגע אנאנס איז געמאכט געווארן ביי די דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש ( Dutchess Community College, DCC), וואו SUNY טשענסעלאר, דזשאן ב. קינג, דזשוניאר, און OPWDD

קאמישאנער, קערי ע. נייפעלד, האבן זיך אנגעשלאסן מיט פרעזידענט פיטער גרענט דזשארדען און מיט די DCC קאמיוניטי פאר א באעהרונג צערעמאניע פאר די קאלעדזש'ס ערשטע DSP קלאס. די נייע 'מייקראָו-קרעדענטשעל" איז פארענדיגט געווארן דורך 15 סטודענטן דורכאויס די הערבסט סעמעסטער פון 2023. שטייענדיג אין פרילינג פון 2024 האט DCC ביי זיך 173 סטודענטן זיך באטייליגנדיג אין דעם פראגראם.

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "מייקראָו-קרעדענטשעלס גיבן א וועג פאר ניו יארקער צו פארשטערקערן זייערע סקילס און עס פארגרעסערט די מעגליכקייט פאר מענטשן צו פארבעסערן זייער פינאנציעלע מצב. די פארלאנג פאר דעם דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן מייקראָו-קרעדענטשעל פראגראם איז ברייט, איבערשטייגנדיג די ערווארטונגען, ווייזנדיג אז עס זענען דא פילע מענטשן וואס זענען וויליג זיך צו לערנען צו צושטעלן מיטפילנדע קעיר פאר די שוואכסטע ניו יארקער. איך בין שטאלץ צו אויסברייטערן דעם פראגראם צו נאך SUNY קאלעדזשעס א דאנק די געוואלדיגע שותפות'ן צווישן SUNY און די OPWDD. צוזאמען קענען מיר שטיצן די מענטשן וואס זענען פאר צו מאכן א באדייטפולע חילוק אין די לעבנס פון די מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס."

**OPWDD קאמישאנער קערי ע. נייפעלד האט געזאגט,** "די OPWDD איז באגייסטערט ביז גאר מיט די הצלחה פון דעם SUNY DSP מייקראָו-קרעדענטשעל פראגראם און מיט די באטייליגונג וואס זעצט פאר זיך צו אויסברייטערן אריבער די סטעיט. דער פראגראם איז א געלעגנהייט פאר פראפעסיאנאלע וואוקס און א טיפערע פארשטאנד פון די פעלד פון דירעקטע שטיצע. מיט די צוגאב פון זעקס נייע קאמפוסן, טוט SUNY העלפן פארגרעסערן די פלוס פון ארבייטער צו די געוואלדיג וויכטיגע פעלד וואס טוישט די לעבנס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. איך באדאנק טשענסעלאר קינג פארן שטיין אין שפיץ פון די אונטערנעמונג, און מיר קוקן ארויס צו אונזער אנגייענדע שותפות."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָו עספּאַיאַט האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע סטודענטן די געלעגנהייט צו אנקומען צו הצלחות, און איך לויב אויס גאווערנער האקול אויף די לעצטע אנאנס פארזיכערנדיג שטיצע פאר בילדונג, הילפס-מיטלען און געלעגנהייטן פאר ניו יארקע סטודענטן און זייערע פאמיליעס. די פעדעראלע פינאנצירונג איז ערמעגליכט געווארן דורך די אמעריקאנער רעטונג פלאן ( American Rescue Plan), און עס וועט פארזעצן צו בענעפיטירן ניו יארקע סטודענטן, שאפנדיג א לעכטיגערע צוקונפט היינט פאר זייערע אקאדעמישע ערגרייכונגען און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "די 32 מיליאן דאלארדיגע צוזאג דורך די סטעיט שאפט גאר-נויטיגע וועגן פאר ניו יארקער צו ארבעטן אויף א קאריערע אלס א DSP בשעת'ן זיכער מאכן אז די מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס באקומען קעיר פון א הויכע קוואליטעט. איך לויב אויס גאווערנער האקול"ס פירערשאפט אויף אנגעלעגנהייטן וואס באטרעפן אונזער פאמיליע, פריינט און שכנים מיט אינטעלעקטואלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס, און איך אפלאדיר SUNY און די OPWDD פאר זייערע צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען צו אדרעסירן די קריטישע נויט."

**אסעמבלי מיטגלידערין רעבעקא א. סירייט האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווערנער האקול פאר די באדייטנדע אינוועסטירונג אין SUNY'ס דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאל מייקראָו-קרעדענטשעל פראגראם. קוקנדיג אויף ניו יארק'ס מאנגל אין די ארבעטסקראפט פון פראפעסיאנאלן וואס גיבן זיך אפ מיט אינטעלעקטואלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס, מוזן מיר אויסברייטערן די רייע פון סערוויסעס אנגעהויבן אויף די קאלעדזש שטאפל. די סטודענטן וועלן פארזיכערן הילף מיט דיסאביליטיס אריבער די סטעיט פאר יארן אין די צוקונפט."

**דאַטשעס קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט, פיטער גרענט דזשארדען, האט געזאגט,** "די שותפות מיט די ניו יארק סטעיט OPWDD און מיט SUNY איז געווען וועזנטליך פאר אונז ביים אויפבויען א באמת שעפערישער און ערפאלגרייכער פראגראם וואס נעמט אריין געוויי די צוועק פון א קאמיוניטי קאלעדזש. עס האט אונז געהאלפן צו בויען א שטארקע לערנען מאטעריאלן פלאן און אפפערן נאך ארומיגע שטיצע, ערלויבנדיג מער פון 190 סטודענטן וועלכע האבן זיך באטייליגט אין דעם פראגראם ביז היינט צו לייגן פריאריטעט פאר זייער בילדונג בשעת'ן פארזעצן זיך צו אפגעבן מיט טייל פון אונזערע שוואכסטע בירגער. מיר זענען שטאלץ צו דינען אונזער קאמיוניטי דורכן אפפערן דעם דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאל פראגראם און די באגלייטנדע סערטיפיקאציעס, און מיר קוקן ארויס צו איר אנגייענדע וואוקס און השפעה אינערהאלב דעם האדסאן וואלי ראיאן."

די ערשטע קלאס האט זיך אנגעהויבן ביי די ניאגרא קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש, נאכגעפאלגט דורך SUNY קארנינג, דאַטשעס קאמיוניטי קאלעדזש, עמפייער סטעיט אוניווערסיטעט, פינגער לעיקס קאמיוניטי קאלעדזש, פולטאָן-מאַנטגאָמרי קאמיוניטי קאלעדזש, דזשעפערסאן קאמיוניטי קאלעדזש, מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש, SUNY מאריסוויל, אָנאָנדאַגא קאמיוניטי קאלעדזש, SUNY סקענעקטעדי און טאַמפקינס קאָרטלאנד קאמיוניטי קאלעדזש.

אזוי ווי דער פראגראם זעצט פאר זיך צו אויסברייטערן, זענען זעקס נייע קאמפוסן אנאנסירט געווארן היינט צו אנהויבן אפפערן די דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאל מייקראָו-קרעדענטשעלס, אריינרעכנענדיג:

- SUNY קענטאן
- פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש
- דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש
- נארט קאנטרי קאמיוניטי קאלעדזש
- SUNY אניאנטע
- אראנדזש קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש

**SUNY קענטאן פרעזידענט, זווי סעפרען, האט געזאגט,** "SUNY קענטאן איז באגייסטערט צו זיין א שותף אין SUNY'ס אויסברייטערנדע שותפות מיט די OPWDD. דורכן אנטוויקלען און אפפערן מייקראָו-קרעדענטשעלס און אנדערע סערטיפיקאציעס וואס קענען אנגעזאמלט ווערן דעזיינט צו אויסברייטערן באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר די אנטוויקלונג דיסאביליטי קאמיוניטי, טוהען מיר פארשטערקערן סקילס, עפענען געלעגנהייטן און אדרעסירן ארבעטסקראפט באדערפענישן אין אונזער ראיאן. אנטיילנעמנדע סטודענטן וועלן בליהען אין דעם פראגראם און זיין גוט צוגעפאסט פאר א ברייטערע רייע פון באדייטפולע דזשאבס. SUNY קענטאן'ס באטייליגונג העלפט אונז פארשטעלן א ביישפיל פון אונזער קאמפוס סלאגאן: 'יעדער איז אנגענומען דא'."

**פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש סיניאר וויצע פרעזידענט און פּראָוואסט, לאורע דזשאָוסעף, האט געזאגט,** "פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש איז דערפרייט צו זיין א טייל פון די שותפות מיט די ניו יארק סטעיט OPWDD און SUNY. די פינאנצירונג האט אונז ערלויבט צו אנטוויקלען די לערנען מאטעריאלן פאר די דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאל 1 און 2 קרעדענטשעל, און אזוי אויך די ארומיגע שטיצע וואס פעהלט אויס צו העלפן סטודענטן פארענדיגן די שטודירונגען. סטודענטן וואס זענען איינגעשריבן אין DSP 1 און 2 מייקראָו-קרעדענטשעלס זענען ארבייטער אויף די פראנט ליניעס און דינען אלס די רוקנביין פון די מענטשליכע סערוויסעס אינדוסטריע. די מייקראָו-קרעדענטשעלס באפולמעכטיגן די פראפעסיאנאלן און גיבן ווייטערע לעגיטימאציע פאר דעם פעלד. דר. מייקעלל פיגוּטשיאָו, פארזיצער פון די פסיכאלאגיע דעפארטמענט, האט געשפילט א צענטראלע ראלע ביים עפענען דעם פראגראם, מיט איבער 30 סטודענטן אין די ערשטע קלאס."

**דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט, דעניעל דעמארט, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו מאנעווורירן אריבער די לאנדשאפט פון בילדונג און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, איז דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש שטאלץ זיך צו אנשליסן אין די אויסגעברייטערטע צוזאמענארבעט צווישן SUNY און די OPWDD. אונזער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן צוגענגליכע און שעפערישע פראגראמען זענען אינגאנצן אין איינקלאנג מיט די דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאל מייקראָ-קרעדענטשעל אינציאטיוו וואס טוט נישט נאר בארייכערן די סקילס פון אונזערע סטודענטן נאר אויך אדרעסירן די קריטישע נויט פאר מיטפילנדע קעיר פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. די אינוועסטירונג וועט נישט נאר באפולמעכטיגן אונזערע סטודענטן, נאר עס וועט אויך מאכן א ממשיות'דיגע חילוק אין די לעבנס פון די וועם מיר דינען. מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו ביישטייערן צו די וויכטיגע אונטערנעמונג."

**נארט קאנטרי קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט, דזשאָו קיגען, האט געזאגט,** "נארט קאנטרי איז שטאלץ צו זיין א טייל פון דעם גאר-נויטיגן מייקראָו-קרעדענטשעל פראגראם, וואס מיר האבן געעפנט די סעמעסטער. עס וועט העלפן ענטפערן אויף א וואקסנדע פארלאנג אין אונזער ראיאן און אין די סטעיט פאר טרענירטע פראפעסיאנאלן צו דינען מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס און זיי העלפן וואקסן און פארשטערקערן זייערע לעבנס סקילס. מיר זענען דאנקבאר פאר SUNY און פאר די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס פאר די צוזאמענארבעט, און מיר זענען באגייסטערט צו זעהן די אויסברייטערונג דערפון צו מער מוסדות אריבער די סטעיט."

**SUNY אניאנטע דיען פון די סקול פאר בילדונג, מענטשליכע עקאלאגיע און ספארטס שטודיעס (School of Education, Human Ecology, and Sports Studies), מארק דעיוויס, האט געזאגט,** "SUNY אניאנטע איז שטאלץ זיך צו באטייליגן אין די ספעציעלע שותפות מיט די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו אפפערן דעם דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאל מייקראָו-קרעדענטשעל פראגראם אריבער אָטסעיגאָו קאונטי און אונזער ברייטערער ראיאן. אונזערע שטארקע קשרים מיט ארגאניזאציעס וואס שתדל'ן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלן אונז העלפן ערפאלגרייך אויפבויען די סקילס פון אונזער לאקאלע ארבעטסקראפט און פארבעסערן די טעגליכע לעבנס פון אונזערע שכנים וואס נויטיגן זיך אין שטיצע."

**SUNY ארענדזש פרעזידענט, דר. קריסטין יאָנג, האט געזאגט,** "ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס מוטשענען זיך צו צוקומען צו קעיר פון א הויכע קוואליטעט, און טייל פון די סיבה איז די ארבעטסקראפט מאנגל אריבער די סטעיט אין דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן מיט די נויטיגע קרעדענטשעלס זיי צו דינען. גאווערנער האקול האט אידענטיפיצירט א פלאן צו אדרעסירן די מאנגל און SUNY, אלס א סיסטעם, שטייט אויף בשותפות מיט די גאווערנער און די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. SUNY ארענדזש קען נישט ווארטן זיך צו אנשליסן מיט אונזערע קאלעגן אריבער SUNY וואס האבן שוין אנגעהויבן די קריטישע ארבעט."

געשטיצט דורך פעדעראלע פינאנצירונג פון דעם אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ, איז דער מייקראָו-קרעדענטשעל פראפעסיאנאלן געציהלט צו העלפן פארבעסערן די סקילס פון מענטשן וואס ארבעטן שוין יעצט אין דעם פעלד, און זיי האלטן פון פארלאזן דעם פעלד, און אזוי אויך צו מוטיגן נייע פראפעסיאנאלן צו אריינקומען אין דעם פעלד. יעדער מייקראָו-קרעדענטשעל פראגראם איז דעזיינט געווארן צו ארויסהעלפן זיך צו פארדינען נאציאנאלע סערטיפיקאציע פון די [נאציאנאלע אליאנס פאר דירעקטע שטיצע פראפעסיאנאלן (National Alliance for Direct Support Professionals, NADSP)] און צו גיבן אקאדעמישע קרעדיט וואס קען גענוצט ווערן צו נאכקומען די פאדערונגען צו באקומען א דעגרי אין מענטשליכע סערוויסעס, פסיכאלאגיע, סאציאלאגיע, אדיקשען שטודיעס און נאך אויף די סערטיפיקאט, אסאָוסיעט, בעטשעלארס און מעסטערס שטאפלען. ערפאלגרייכע פארענדיגונג פון ביז פיר מייקראָו-

קרעדענטשעלס אין די סעריע וועט פירן צו א SUNY מייקראָו-קרעדענטשעל און ביז פיר נאציאנאלע סערטיפיקאציעס: DSP 1, 2, 3 און פראנט-ליניע סופערווייזער (Front-Line Supervisor).

דער פראגראם גיבט א $750 באלוינונג פאר בארעכטיגטע סטודענטן וועלכע פארענדיגן א 'מייקראָו-קרעדענטשעל" און א סערטיפיקאציע אין די סעריע מיט הצלחה. אין צוגאב וועט פינאנצירונג פון א גרענט דעקן שכר לימוד, ביכער, קורס מאטעריאלן, NADSP סערטיפיקאציעס פאר סטודענטן און בילדונג שטיצע.

**איבער די OPWDD**
די ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס ( Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD) שטעלט צו שטיצע און סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט וועלכע צענטרירן זיך ארום דעם מענטש פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס, אריינרעכענענדיג אינטעלעקטועלע דיסאביליטיס, סעריברעל פּאַלזי, דאון סינדראם, אויטיזם ספעקטרום קראנקהייטן און אנדערע ניוראלאגישע באגרעניצונגען. די OPWDD שטעלט צו סערוויסעס דירעקטערהייט און נוצנדיג א נעטווארק פון איבער 400 נאָן-פראפיט סערוויס פּראָווידערס. די OPWDD'ס מיסיע איז צו העלפן מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס לעבן רייכערע לעבנס וואס רעכענען אריין באדייטפולע קשרים, גוטע געזונטהייט, פערזענליכע וואוקס און א היים אינערהאלב זייער קאמיוניטי. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.opwdd.ny.gov אדער פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Twitter און Instagram.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק – וואס האט געפייערט איר 75'סטע יארטאג אין 2023 – איז די גרעסטע ברייטע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינס פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט' צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פירט איין US דעפארטמענט אוו ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט דיווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן